# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויגש תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 411

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אנהייבן מיטן דערמאנען זכות אבות

**"וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי"** (מד יח)

**רבי יוסף ישראל דייטש** אב"ד באלשא-יארמוט זאגט:

עס ווערט געברענגט אין מדרש ('ילקוט ראובני' לך לך) אז דיווארט 'שוה' איז צוזאמגעשטעלט פון די דריי אותיות וואס זענען צוגעלייגט געווארן צו די נעמען פון די דריי אבות; ה"א פון 'אברהם' וואס האט פריער געהייסן 'אברם', שי"ן פון יצחק וואס ווערט אויך אנגערופן 'ישחק' (תהילים קה ט), ווא"ו פון 'יעקב' וואס ווערט אויך אנגערופן 'יעקוב' (ויקרא כו מב).

לויט דעם קען מען טייטשן אז וועגן דעם איז די ווארט 'שוה' מרומז אין די סופי תיבות: "וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה" (זעה אין 'בעל הטורים'), אונז לערנען אז יהודה וואלט נישט צוגעגאנגען רעדן שטרענג מיט יוסף, אויב וואלט ער זיך נישט פארלאזט אויף זכות אבות.

צוליב די סיבה איז אויך מרומז די ווארט 'שוה' אין אנהויב פון די ברכה 'ברוך שאמר', אין די ראשי תיבות: "שאמר והיה העולם"; אזוי ווי מיר דערמאנען זכות אבות אנהייב שמונה-עשרה, אזוי אויך דערמאנען מיר זכות אבות ביי די ברכה וואס מיט דעם הייבט זיך אן די גאנצע דאווענען.

'בן גרני'

### 'יתגבר כארי... לעבודת בוראו'

**"וַיְשַׁלַּח אֶת אֶחָיו וַיֵּלֵכוּ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַל תִּרְגְּזוּ בַּדָּרֶךְ"** (מה כד)

האדמו"ר **רבי שלמה מבאבוב** זאגט:

שטענדיג פלעגן די צדיקים זיך געזעגענען פון די געסט מיט די וואונטש: "זייט געזונט און שטארק". מ'דארף וויסן אז אין די ברכה ליגט א טיפן באדייט. חז"ל זאגן (ברכות לא א) "לא יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה, שמתוך כך זוכרהו", און כדי מקיים זיין די הלכה האבן זיי געוואונטשן די דערמאנטע ברכה: "זייט געזונט און שטארק", און מיט דעם דערמאנט די הלכה וואס מיט דעם הייבט זיך דער 'שלחן ערוך' - "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו".

'שיח צדיקים' עמ' שפה

### יעקב האט געליינט ק"ש בייס זיך טרעפן מיט יוסף

**"וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ וַיַּעַל לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל אָבִיו גֹּשְׁנָה וַיֵּרָא אֵלָיו וַיִּפֹּל עַל צַוָּארָיו וַיֵּבְךְּ עַל צַוָּארָיו עוֹד"** (מו כט)

"אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף ולא נשקו, ואמרו רבותינו (מסכת דרך ארץ זוטא פ"א) שהיה קורא את שמע" (רש"י).

עס איז באקאנט די פראגע: ממה נפשך, אויב יעקב און יוסף האבן זיך געטראפן אין די צייט וואס דעמאלטס איז דער חיוב פון ליינען קריאת שמע, פארוואס האט יוסף נישט געליינט קריאת שמע צוזאמען מיט מיין פאטער, און אויב עס איז נאכנישט געווען די זמן פון קריאת שמע, פארוואס האט יעקב יעצט יא געליינט?

ערקלערט **רבי פנחס צימעטבוים** ראב"ד גראסווארדיין און שווער פון גאב"ד בעל 'מנחת יצחק':

עס איז באקאנט וואס די גדולי הדורות האבן געזאגט (ראה מהרש"א סוטה ח"א כב א) אז דער וואס איז נישט מחנך זיינע קינדער זאלן זיך פירן בדרך התורה והמצוות ווי עס דארף צו זיין, איז ווען ער ליינט קריאת שמע איז ער א 'מעיד עדות שקר בעצמו' (ראה ברכות יד ב), ווייל וויאזוי זאגט ער די ציווי "ושננתם לבניך" און ער איז נישט מקיים?!

מ'קען זאגן אז יעדעס מאל ווען יעקב האט געליינט קריאת שמע און האט דערמאנט די ציווי: "ושננתם לבניך", האט אים וויי געטון אויף זיין באליבטן זון יוסף, אפשר האט ער נישט ריכטיג מקיים געווען ביי יוסף'ן דער ציווי, און ווען ער איז אריינגעפאלן אין שלעכטע הענט איז ער נישט געבליבן ערליך. אבער ווען ער האט זיך געטראפן מיט יוסף און זיך איבערגעצייגט אז ער איז געבליבן ערליך, האט ער באלד געליינט קריאת שמע מיט די ריכטיגע כוונה, מיט א געפיל אז דאס מאל איז ער 'מעיד עדות אמת בעצמו'.

'מנחת יצחק' עה"ת

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אויסשטעלן דאס לעבן פון דאסניי...

שוין אסאך יארן וואס אלע אקטיוויטעטן פון 'בני אמונים' דרייט זיך ארום דעם אור-אלטן מנהג פון זאגן 'ברכות השחר' בחברותא יעדן אינדערפריה. די אלע כוחות און געלט וואס זענען אריינגעלייגט געווארן צו אריינברענגען דער ענין צווישן ערליכע אידן, האט מיטן אויבערשטנ'ס הילף זוכה געווען צו ברענגען וואונדערליכע פירות.

פון אנהויב די ארבעט ביזן הייטיגן טאג האב איך געטראפן אסאך אידן וואס רעדן מיט התרגשות אויף די פארצווייגטע אקטיוויטעטן, ווען אסאך פון זיי שילדערן מיט התפעלות דעם געוואלדיגן ענדערונג וואס איז געווארן דורך דעם אין... זייערע קינדער. ווען איך הער די סארט אויסדרוק פרעג איך צוריק: "און וואס איז מיט דיר...??"; די אמן טוט אויף אז די ברכה ווערט בשלימות (זוה"ק עקב רעא א) - ביזסטו דען פטור פון צו לויבן דעם באשעפער בשלימות? ענטפערן אמן עפענט דאך די טויערן פאר דיינע תפילות (שם וילך רפה ב) - דו ביזסט טאקע מוותר אויף די געוואלדיגע זכות?

און מער פון אלעס פרעגט זיך די פראגע: אויב דו האלטסט זיך אזוי גרויס מיט דיין זון וואס איז מקפיד אויף אט די וואונדערליכע הנהגה, וויאזוי ווילסטו ער זאל זיך פלייסיגן אין דעם אויב ער זעט אז דו אליינ'ס ביזסט נישט מקפיד אויף דעם?!

נאר, ס'איז באקאנט דער מאמר החכם אז דער כח פון געוואוינהייט איז שטערקער פון שכל. מיר ווייסן ווי ווייט איז די אמן טייער, און מיר האלטן זיך גרויס מיט אונזערע קינדער וואס האבן די זכיה זיך צו פירן אזוי, אבער מיר האבן זיך צוגעוואוינט זיך צו פירן אנדערשט...

אבער דער אמת איז אז מיר האבן די מעגליכקייט צו ענדערן אונזער געוואוינהייט; אויפן פסוק (שמות יט ה): "ועתה אם שמוע תשמעו בקולי", טייטש רש"י: "אם עתה תקבלו עליכם - יערב לכם מכאן ואילך, שכל התחלות קשות". אויב מיר וועלן נתעורר ווערן זיך מתבונן זיין אין די געוואלדיגע חשיבות פון זאגן ברכות און ענטפערן אמן, וועלן מיר פון זיך אליינס וועלן זיך צושטעלן צו די געוואלדיגע רינג פון די וואס לויבן דעם באשעפער יעדן אינדערפריה דורך זאגן ברכות וואס דורך ענטפערן אמן נאך זיי ווערן זיי בשלימות, און נאך די 'כל התחלות קשות', איז נישט קיין ספק אז עס וועט גרינגער ווערן די הנהגה.

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

# דער שיעור וואס מ'האט באקומען אין 'באנק'

רבי חיים וואלאזשינער, בעל 'נפש החיים', איז געווען באקאנט מיט זיין אויסטערלישע גדלות אין מידת הביטחון. אין זיינע באוואוסטע ספרים רעדט ער אסאך איבער די מידה, און אין זיינע שמועסן מיט זיינע תלמידים און די וואס האבן זיך אדורכגערעדט מיט אים האט ער זיי שטארק מחזק געווען אין מידת הביטחון און זיי געראטן זאלן זיך שטארק אנקניפן אין אט די מידה מיט זייער גאנצן כח.

איינמאל איז צוגעקומען צו אים איינער פון זיינע נאנטע תלמידים און געבעטן: "זאל מיך דער רבי אויסלערנען, וויאזוי דארף דער בעל הבטחון זיך פירן למעשה, און וואס איז די ריכטיגע מאס השתדלות וואס ליגט אויף אים?"

הגר"ח האט ארויסגענומען א שטיקל פאפיר פון די לעדל פון טיש און אויף דעם געשריבן: "צו מיין טייערער תלמיד..., איך בעט דיך, דער וואס ברענגט דיר דאס צעטל, לערן אים וויאזוי דארף זיך דער בעל הבטחון פירן הלכה למעשה". הגר"ח האט אונטער געשריבן זיין נאמען, עס דערלאנגט פאר זיין תלמיד און געזאגט:

"אויב ווילסטו זוכה זיין צו בטחון הלכה למעשה, פאר אראפ צו מיין אלטער תלמיד וואס וואוינט אין די דרום-זייט פון די גרויסע רוסלאנד, און ער וועט מיט דיר אלעס לערנען".


די געביידע פון די וואלאזשינער ישיבה היינט צו טאג

דער תלמיד איז געפארן א לאנגע וועג ביז ער איז אנגעקומען צו די שטעטל. אנקומענדיג דארט האט ער זיך אינטערעסירט ביי די דארטיגע איינוואוינער וואו וואוינט דער תלמיד פון הגר"ח, און זיי האבן אים געוויזן די וועג צו די געגענט וואו דארט זענען געווען עטליכע פראכטפולע שטיינערדיגע הייזער וואס זייער אויסזען האט דערציילט די עשירות פון זייער אייגנטומער. אין איינע פון די הייזער, אין צענטער פון א גרויסע און שיינע זאל האט ער געטראפן דעם בעל הבית זיצן נעבן א שיינעם טיש, פאר אים שלענגלט זיך א לאנגע רייע פון מענטשן וואס ווארטן צו קויפן אדער אויסלייזן פאפירן און פארשידענע שטרות.

א העכטע 'באנק'...

אינגאנצן צומישט איז דער תלמיד געשטאנען אויף די שוועל פון די שיינע זאל ווען ער איז פארטראכט; וויאזוי קען זיין אז דא אהער האט אים זיין רבי געשיקט? קען דען זיין אז דער עושר וואס פעלט אים גארנישט, וועט אים קענען אויסלערנען די גדר פון ביטחון און השתדלות?!

פון דעסוועגן האט דער תלמיד געגלייבט אין די ווערטער פון זיין רבי הגר"ח אז ער האט אים זיכער נישט געשיקט צו א נישט ריכטיגע אדרעס, און האט אריינגעטרויטן אין די פראכטפולע זאל.

ביים אריינגיין האט דער תלמיד זיך דערנענטערט צו די ריכטונג פון בעל הבית, און דערלאנגט די בריוו פון הגר"ח. ער האט שנעל אפגעליינט די בריוו און געענטפערט דעם תלמיד: "איך בין יעצט באשעפטיגט צו באדינען מיינע קונדן, איך בין יעצט נישט פריי אויף א לאנגע שמועס, ווארט צו ביז איך וועל ענדיגן זיך אפגעבן מיט די אלע מענשטן, און נאכדעם וועל איך זיך צייט מאכן צו שמועסן מיט דיר".

דער תלמיד האט זיך אראפגעזעצט אויף א שיינע פאטעל אין עק פון די זאל און געווארט אז דער עושר זאל פריי ווערן. אינצווישן האט ער זיך צוגעקוקט פון די זייט וואס דער בעל הבית טוט און דער וועג וויאזוי ער באדינט זיינע סאך קונדן.

ארום די מיטאג שעה'ן איז איינער אריין וואס האט געהאט א שטר אויף א ריזיגע סומע פון צען טויזנט רובל. ער איז צוגעגאנגען צום בעל הבית, און געוויזן דעם שטר וואו דארט שטייט געשריבן אז היינט איז דער דאטום פון עס באצאלן, און געפאדערט צובאקומען די גאנצע סומע.

דער תלמיד האט זיך גוט צוגעקוקט; נאכן זיך אפגעבן מיט צענדליגער קונדן איז נישט געווען קיין קעש אין די קאסע, און ער איז געווען נייגעריג צו וויסן וויאזוי וועט זיך דער בעל הבית - דער בעל הביטחון - קענען ספראווען מיט דעם?

דער תלמיד הערט ווי דער בעל הבית ענטפערט אים: "מיין פריינד, דער טאג איז נאכנישט פארביי, ווארט צו ביז סוף טאג און מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועסטו באקומען דיין גאנצע געלט".

דער מיטן צעטל איז געצווינגען געווען צו ווארטן, און אויך דער תלמיד האט געווארט מיט נייגער זען וויאזוי עס גייט זיך אויסלאזן. נאך צוויי שעה'ן וואס זענען אריבער, די זייגער האט שוין געוויזן אויף צוויי אזייגער מיטאג, די ארבעטע'ס שעה'ן האט זיך שוין געהאלטן ביים ענדיגן, די קונדן זענען ארויס איינער נאכן צווייטן, עס האט אויסגעזען אז דער באנקירער גייט זיך טרעפן אין א אומאיינגענעמע ווערטער-אויסטויש מיטן בעל חוב, אבער דעמאלטס אין אריין איינער מיט א שיינעם אויסזען, אנגעטון אין מיליטערישע מונדירן וואס זענען באצירט מיט עטליכע מעדאלן, דער איז געווען א הויפט אפיציר אין די מיליטער וואס איז צוגעגאנגען צום בעל הבית, ארויסגענומען פון זיין טאש צען טויזנט רובל קעש, נישט מער און נישט ווייניגער, און אים געבעטן עס נעמען אויף א פקדון אויף זעקס חדשים. "איך בין גערופן געווארן זיך צו שטעלן אין דעם קייסערליכן פאלאץ אין די הויפט שטאט פעטערבורג", האט דער אפיציר ערקלערט, "און ווייל איך וויל נישט ארום פארן אזא לאנגע רייזע ווען איך טראג מיט מיר אזא גרויסע סומע, וויל איך עס דא איבערלאזן".

דער באנק-אייגנטומער האט אויפגעהויבן זיינע הענט און געדאנקט ה' אויף דעם וואס האט אים צוגעשטעלט פונקט די סומע צו קענען אויסלייזן די שטר, ער האט איבערגעגעבן די געלט פאר דער וואס האט געווארט ביז יעצט מיטן צעטל, און נאר נאכדעם האט ער זיך צייט געמאכט צוגיין צום גאסט וואס האט געווארט געדולדיג אין ווינקל פון די זאל.

"יעצט האט איך צייט פאר דיר", האט ער זיך געווענדן צום גאסט וואס איז נאך געווען געפלעפט פון וואס ער האט בייגעוואוינט, "קום מיט מיר און איך וועל דיר ווייזן די קוואל פון מיין רייכטום" - האט ער אים געזאגט.

דער גאסט-געבער איז געגאנגען צו זיין אפיס, ווען דער גאסט גייט אים נאך נייגעריג צו זען ווי גרויס גייט זיין דער אוצר וואס מ'גייט אים יעצט ווייזן. דער גאסט-געבער האט ארויסגענומען פון די לעדל פון טיש א קליינע אייזענע פושקע, עס ברייט געעפענט און ארויס גענומען פון דארט א ספר 'חובת הלבבות'. נאכדעם האט דער עושר געבלעטערט אין דעם אלטן ספר, עס געעפענט אין 'שער הביטחון' און דערציילט פארן גאסט:

"זאלסט וויסן מיין גוטער פריינד אז יעדן טאג לערן איך נאכאמאל דער 'שער', און באלד נאכן לערנען טוה איך זיך ווענדן צום רבונו של עולם און איך זאג א ספעציעלע תפילה, און דאס איז די אינהאלט:

'ריבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך, פון ווען איך האב אנגעהויבן האנדלען האב איך קיינמאל נישט געטון אזאך אן דיך מיטיילן, און קיינמאל האב איך נישט געזארגט די זארג פון מארגן - וויאזוי איך זאל באצאלן די הלוואה אדער יענע הלואה, איך פארלאז מיך אויף דיר מיט א גאנצע הארץ אז דו קענסט מיך העלפן און ערפילן אלע מיינע באדערפענישן, איך בעט, שטענדיג זאלסטו זיין מיט מיר איך זאל קענען ביישטיין אלע מיינע אונטערנעמונגען!'".

דאס איז די סוד פון מיין הצלחה און די קוואל פון כח. אויך ווען מיין קאסע איז ליידיג, גיי איך ארום רואיג האבנדיג בטחון אין מיין באשעפער, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לב י): "וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ".

נאך אזא וואונדערליכער שיעור פון א איד וואס האט גענומען די מידת הביטחון אויף א חלק פון זיין לעבן, האט דער גאסט זיך געזעגנט פון זיין גאסט-געבער, און זיך צוריק געקערט צו זיין הויז און צו זיין רבי.

'אמרי יעקב' מקץ

# ברכו אמוני

## א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

# די ברכה 'מעריב ערבים'

### די מקור פון די ברכה

די חכמים האבן מתקן געווען אז דער וואס לייענט קריאת שמע של ערבית דארף זאגן צוויי ברכות פון פריער און צוויי נאכדעם (ברכות יא א). כאטש מיר פסק'ענען אז תפילת ערבית איז רשות און נישט קיין חובה אזוי ווי שחרית און מנחה (רמב"ם תפילה א ו), פון דעסוועגן די ברכות קריאת שמע פון מעריב איז א ריכטיגע חוב ('שבולי הלקט' סי' נב בשם רש"י).

לויט די פוסקים וואס די ציפער פון די מאה ברכות וואס דער מענטש דארף זאגן יעדן טאג, הייבט זיך אן פון ביינאכט - פון צאת הכוכבים פון נעכטן ביז די צאת הכוכבים פון צומארגנ'ס (ראה שו"ת 'בצל החכמה' ח"ד סי' קנה), קומט אויס אז די ברכה איז די ערשטע פון די 'מאה ברכות' וואס די חכמים האבן מתקן געווען זאגן יעדן טאג.

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה 'מעריב ערבים' הייבט זיך אן מיט ברוך און ענדיגט מיט ברוך. פאראן ענדיגן די ברכה זענען דא וואס לייגן צו: "א-ל חי וקים תמיד ימלוך עלינו לעולם ועד" (אזוי ווי דער נוסח אשכנז וואס ווערט געברענגט אין טור או"ח רלו). די חכמים האבן קובע געווען אז מ'דארף זאגן 'מעין החתימה סמוך לחתימה'; די שייכות פון די צוגעלייגטע שטיקל צו די חתימה ערקלערט דער רא"ש, אז אין די צייט וואס די קעניגרייך פון השי"ת וועט געגרינדערט ווערן אויף דער וועלט וועט פאר די צדיקים ליכטיג זיין און פינסטער פאר די רשעים (זכריה יד ו), קומט אויס אז מיטן צולייגן די שטיקל איז אין דעם דערמאנט דער ענין פון חושך און אור וואס דאס איז די חתימה (טור שם; משנ"ב שם ב).

ס'איז א ספק צי די צוגעלייגטע שטיקל ווערט געזאגט בלשון בקשה, אדער בלשון שבח - מיר רופן אויס אונזער אמונה אז בקרוב וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן און ה' וועט קעניגן אויף אייביג ('נוטרי אמן' ח"ב עמ' לח. וראה מג"א רלו ד). כאטש וואס אויף ברכות וואס איז דא אין זיי א שבח און אויך בקשה, דארף מען אינזין האבן ביים ענטפערן אמן אויף זיי: 'אמת' אויף דער שבח וואס דער מברך האט געזאגט און 'הלואי' עס זאל מקויים ווערן די בקשה (משנ"ב קכד כה), ביים ענטפערן אמן אויף די ברכה זאל מען אינזין האבן נאר 'אמת' אליין, ווייל אפילו אויב מיר וועלן האלטן אז די ווערטער "א-ל חי וקיים..." ווערט געזאגט בדרך בקשה, אלנפאלס די תפילה איז נישט אריינגערעכנט אין די ענדע פון די ברכה (דארט אין נאמען פון 'שבט הלוי').

### די באדייט פון די ברכה

די ברכה 'מעריב ערבים' וואס איז די ערשטע ברכה אין די סעריע ברכות פון קריאת שמע של ערבית, איז פאראלעל צו די ערשטע ברכה פון די סעריע ברכות פון קריאת שמע של שחרית - די ברכה 'יוצר אור', ווייל אין זיי צוויי לויבן מיר אויף די ענדערונג פון די זמנים; ביי די ברכה 'יוצר אור' לויבן מיר אויף די ליכטיגקייט וואס ערמעגליכט פאר די מענטשן ארויסגיין פון זייערע הייזער און טון אלע זייערע געברויכן, דאקעגן ביי די ברכה 'המעריב ערבים' לויבן מיר הקב"ה אויף די טונקלקייט וואס הערשט ביינאכט, און ערמעגליכט פאר די מענטשן זיך אפרוהען פון זייער פלאג ('אבודרהם' ברכות קריאת שמע).

פון דעסוועגן האט מען מתקן געווען דערמאנען ביי די ברכות סיי די ליכטיגקייט און סיי די פינסטערניש; "גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור" - ביי די ברכה 'מעריב ערבים', און "יוצר אור ובורא חושך" - ביי די ברכה 'יוצר אור', מיט דעם ברענגען מיר ארויס אנדערשט פון די מיינונג פון די מינים וואס זאגן אז דער וואס האט באשאפן דער טאג האט נישט באשאפן די נאכט (רבנו יונה ברכות ה ב מדה"ר).

דער רמב"ן (ברכות יא ב) ערקלערט אז די חכמים האבן קובע געווען זאגן די ברכות פאר קריאת שמע ווייל די זמן קריאת שמע צופריה און ביינאכט איז אנגעהאנגען אין די אויפשיין און אונטערגיין פון די זון.

### ניין מאל איז געענדערט געווארן די גאנג פון די באלייכטער

דער 'רוקח' שרייבט אז אין די ברכה איז דא די אלע אותיות פון די אל"ף-בי"ת, אויסער דער אות טי"ת, א רמז אויף דעם אז ניין מאל האט הקב"ה געענדערט די געוועגליכע וועג פון די באלייכטער, און ווי פאלגנד:

א. אין די טעג פון די מבול האט השי"ת געטוישט די סדר פון דאס אויפשיינען, עס האט אויפגעשיינט אין מערב און אונטערגעגאנגען אין מזרח (סנהדרין קח א); ב. דערנאך וואס יעקב האט זיך געראנגלט מיטן מלאך האט די זון אויפגעשיינט פארן צייט אים צו היילן (שם צה ב); ג. ווען יעקב איז אריבער אין בית א-ל, אופן וועג קיין חרן, איז די זון אונטערגעגאנגען בעפאר די צייט (שם); ד. ביי מכת חושך איז געווען "חושך אפלה בכל ארץ מצרים שלשת ימים" (שמות י כג, וראה רבינו בחיי שם כא); ה. ווען משה האט מלחמה געהאלטן מיט עוג מלך הבשן איז די זון אונטערגעגאנגען שפעט (תענית כ א; רש"י דברים ב כה); ו. ווען יהושע האט מלחמה געהאלטן מיט די פינף מלכי האמורי האט זיך די זון אויפגעהאלטן פון אונטערגיין (יהושע י יב); ז. אין דער טאג וואס אחז הרשע איז געשטארבן איז די זון אונטערגעגאנגען צען שעות פאר איר צייט (סנהדרין צו א); ח. אין דער טאג וואס חזקיה איז אויסגעהיילט געווארן איז דער טאג פארלענגערט געווארן מיט צען שעות (שם); ט. ביי די באקאנטע געשיכטע פון נקדימון בן גוריון האט זיך די זון אפגעהאלטן פון אונטערגיין, כדי די קוועלער וואסער וואס ער האט געבארגט זאל זיך צוריק אנפילן בעפאר די צייט וואס מ'האט אויף דעם באשטימט איז אריבער (תענית כ א).

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז מ'דארף לויבן ה' אויף דעם וואס ער איז מעריב ערבים און ערמעגליכט די מענטשן זאלן רוהען פון די פלאג פון בייטאג (זעה אויבן אין קאלום פון 'די באדייט פון די ברכה').

---

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל פַּרְעֹה יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה מְעַט וְרָעִים הָיוּ יְמֵי שְׁנֵי חַיַּי וְלֹא הִשִּׂיגוּ אֶת יְמֵי שְׁנֵי חַיֵּי אֲבֹתַי בִּימֵי מְגוּרֵיהֶם" (מז ט)

דער 'חזקוני' ברענגט א מדרש: "פארוואס האט יעקב געלעבט מיט 33 יאר ווייניגער פון זיין פאטער? השי"ת האט אים אזוי געזאגט: איך האב דיך געראטעוועט פון לבן און עשו און שכם, איך האב דיר צוריקגעברענגט דינה און יוסף'ן, און דו זאגסט 'מעט ורעים היו ימי שני חיי'?! איך זאג דיר צו איך נעם אראפ פון דיין לעבן לויט די צאל פון די ווערטער וואס דו האסט געזאגט, דאס זענען די 33 ווערטער וואס זענען דא פון 'ויאמר פרעה אל יעקב' ביז 'בימי מגוריהם'".

כדי מעורר זיין אין אונזערע הערצער מיר זאלן מכיר טובה זיין אין די סאך גוט'ס וואס דער באשעפער שענקט אונז יעדן טאג, האבן די חכמים מתקן געווען זאגן יעדן טאג 'מאה ברכות', און דורך דעם וואס מיר וועלן אויסרעכענען יעדע פרט און פרט פון די חסדים און טובות וואס מיר באקומען, וועלן מיר איינערקענען אין די אלע גוט'ס וואס דער באשעפער טוט מיט אונז, און מיר וועלן חלילה נישט זיין קיין 'כפויי טובה'.

## הכרת הטוב – הונדערט מאל א טאג

'מבית אברהם' [פון רא"פ גראדזשינסקי]

---

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## אוצרות אויף די שכר פון ענטפערן אמן

### אמן עפענט די טויערן פון ברכה

אין זוהר הקדוש (וילך רפה ב) ווערט געברענגט אז אין זכות פון ענטפערן אמן מיט כוונה, עפענען זיך אויבן די טויערן פון ברכה און טובה, און עס ווערט נתעורר א שמחה אין אלע עולמות, און אזוי איז דאס לשון: "וכד [ווען] ישראל לתתא [אונטן], משמרין לאתבא [צו ענטפערן] אמן, לכוון לבייהו כמה דאצטריך [אינזין האבן אזוי ווי עס דארף צו זיין], כמה פתחין דברכאן פתיחין להו לעילא [וויפיל טויערן פון ברכה עפענען זיך אויבן], כמה טבאן משתכחין בכולהו עלמין [וויפיל טובות טרעפן זיך אין אלע עולמות] כמה חדו בכולא [וויפיל שמחה איז דא אין אלע פלעצער]".

מיט דעם ערקלערט דער 'דברי ישראל' פון מאדזשיץ די סיבה פארוואס מיר ענדיגן די בקשות 'הרחמן' וואס מ'זאגט סוף בענטשן מיט די ווערטער: "כן יברך אותנו כולנו יחד בברכה שלימה **ונאמר אמן**"; לכאורה צו וועמען ווענדן מיר זיך מיט די רוף 'ונאמר אמן'? אבער לויט דעם זוהר הקדוש אז אמן עפענט די טויערן פון ברכה קען מען זאגן אז אזוי זאגן מיר אין די סוף פון די בקשות: "כן יברך אותנו כולנו יחד בברכה שלימה", אין זכות פון: "ונאמר אמן" - מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן אויף ברכות ('דברי ישראל' פר' נח).

### אין די גאנצע וועלט איז נישטא גענוג שכר אויף איין אמן

דער מגיד רבי מרדכי דרוק לייגט אסאך אריין אין זיינע צוהערהער דעם געוואלדיגן שכר וואס מ'באקומט אויף יעדע אמן וואס מ'ענטפערט. איינמאל נאכן ענדיגן זיין דרשה איז צוגעקומען צו אים א איד וואס די לעבן גייט אים נישט אזוי גרינג און געזאגט: "רבי, אויב די מעלה פון ענטפערן אמן איז אזוי גרויס, וויל איך, מ'זאל מיר געבן פון הימל די שכר פון איין אמן אויף דער וועלט, און די שכר פון איבעריגע אמנים זאל זיין אוועקגעלייגט אויף עולם הבא..."

רבי מרדכי האט אים געענטפערט א קלוגע ענטפער: "ר' איד, דו ביזסט פונקט ווי א קליין קינד וואס איז געגאנגען קויפן צוקערלעך אין געשעפט ווען אין זיינע הענט האלט ער א טשעק אין ווערד פון מיליאן דאללער; זאלסט וויסן אז דער שכר אויף ענטפערן איין אמן איז אזוי גרויס, אזוי ווייט אז עס איז נישטא קיין מעגליכקייט עס באצאלן אויף דער וועלט!" (פון איינער פון די צוהערהער).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**צו די רעדאקציע פון 'וכל מאמינים'**

אלס איינער וואס האט זייער הנאה פון ענקער ספעציעלע בלעטל, און נאך מער פון די חידוש אין די אויסשטעל, און צוליב ענקער בקשה ענק מיטטיילן מיט פערזענליכע ערציילונגען איבער די כח פון ענטפערן אמן, אזוי ווי די חכמים האבן געזאגט אז איר כח איז זייער גרויס צו קענען צורייסן א שלעכטן גזר דין פון א מענטש. איך וויל ענק מיטטיילן מיט א פערזענליכע ערציילונג, און מיט דעם וועל איך מקיים זיין דעם פסוק (תהלים קט ל): "אוֹדֶה ה' מְאֹד בְּפִי וּבְתוֹךְ רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ":

אין לויף פון עטליכע יאר האב איך געווארט זוכה צו זיין צו זרע של קיימא. זייער אסאך האב איך געבעטן און געדאווענט אויף דעם, אבער די ישועה האט זיך פארזוימט. אין איינע פון די שווערע צייטן וואס איך בין אריבער, בין איך געגאנגען צו איינעם פון די גדולי ירושלים כדי צו באקומען א ברכה און פרעגן א עצה.

דער רב האט מיך אנגעוואונטשן, און אין די זעלבע צייט האט ער מיר אנגעטראגן איך זאל מקפיד זיין און מער מהדר אין ענטפערן אמן מיט כוונה, ווען ער דערמאנט די ווערטער פון רבנו בחיי אין 'כד הקמח' (ערך אמונה) אז א מענטש ווערט נישט אנגערופן צדיק נאר אין כח פון ענטפערן אמן, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו כו ב): "צדיק שומר אמנים", און די צדיקים זענען דאך זוכה צו א באזונדערע שמירה און געדענקעניש, אזוי ווי מיר זאגן ביי די תפילה 'בריך שמיה': "ולהוי אנא פקידא בגו צדיקיא למרחם עלי...".

איך האב געפאלגט זיין עצה און פון דעמאלטס בין איך מקפיד אנהייבן מיין טאג מיט ענטפערן אמן נאך ברכות השחר, און אין לויף פון די טאג זעה איך צו זיין א 'שומר אמנים' - ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין ביי חזרת הש"ץ, און אלע ברכות וואס ווערן געזאגט ארום מיר. מיטן אויבערשטן הילף האב איך געזען א גרויסע ישועה, נאך עפעס מער פון א יאר איז ביי מיר געבוירן געווארן מיטן אויבערשטנ'ס הילף א צווילינג. היינט צו טאג זענען זיי אין עלטער פון דריי יאר ב"ה און מיר שעפן פון זיי א האפן אידיש נחת.

יישר כח אויף ענקערע גרויסע ארבעט
**ש.ו - ירושלים**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וואך פונעם בעל הילולא


די אידישע בית החיים אין פאדווא

### הרמ"ד וואלי
### ז' טבת תקל"ז

דער מקובל רבי משה דוד וואלי, פון די רבנים פון פאדוא אין איטאליע, איז געווען דער תלמיד מובהק פון הרמח"ל. ער האט מחבר געווען א גרויסן פירוש אויף גאנץ תנ"ך, פון דעם קען מען זעהן זיין גדלות און חכמה, און זיינע וואונדערליכע ידיעות אין אלע חלקי התורה.

דער קבר פון הרמ"ד געפונט זיך אין שטאט פאדוואַ, און אויף זיין מציבה איז אויסגעקריצט: "מצבת קודש, גבר חכם בעוז, איש אמונות, מעלת החבר הרופא המקובל האלקי כמהה"ר משה דוד ואלי זצ"ל ... מאס בכל כבוד יקר תפארת, מצא במנוחתו פאר וכתר, משכיל בכל חכמה, צפנת פענח לשמור רצון הצור ותום ויושר, עתה עזב חלדו בלב בוטח, לקנות בעמלו שכר ואושר".

### ברכה עד בלי די

דער פסוק (משלי כח כ): "איש אמונות רב ברכות" טייטש הרמ"ד: יעדעס מאל וואס א מענטש ענטפערט אמן, ברענגט ער אויף זיך פיל ברכות און אסאך השפעות, דורך דער כח פון די שמות הקודש וואס זענען מרומז אין די גימטריה פון די ווארט אמן. אין זיין פירוש אויף ישעיה (כד יח) ברענגט ער א רמז אויף דעם: די ווארט אמן איז ראשי תיבות פון דער פסוק (שם): "**ארובות ממרום נפתחו**", דיך צו לערנען אז ענטפערן אמן עפענט די פענסטער פון הימל ס'זאל קומען ברכות אן א צאל פאר דער וואס איז מקפיד אויף דעם.